אויף תיכף ארויסצוגעבן: 10/17/2022 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ וואס פארשטערקערט שטיצע נעטווארק פאר עלטערע LGBTQ ניו יארקער**

***נייער געזעץ (S.78-A/A.7855) קלארט אויס פראזע אינעם פעדעראלן 'עלטערע אמעריקאנער געזעץ' וואס באציהט זיך צו ניו יארקער וועלכע זענען אין "די גרעסטע געזעלשאפטליכע נויט" כדי עס זאל פארשטערקערן סטעיט סערוויס פראגראמען פאר עלטערע LGBTQ מענטשן וועלכע באקומען ווייניגער פון טראדיציאנאלע סארטן שטיצע און אפגעבונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א ביל (S.78-A/A.7855) צו מאכן אן ענדערונג צו דעם פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט'ס אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging) צו שטיצן עלטערע ניו יארקער. דער געזעץ קלארט אויס אז דער 'עלטערע אמעריקאנער געזעץ' (Older Americans Act, OAA) פון 1965, וואס דייט אן אז פינאנצירונג און סערוויסעס זאלן געגעבן ווערן לויט ווער עס איז אין די "גרעסטע געזעלשאפטליכע נויט" (greatest social need), זאל ארייננרעכענען סיטואציעס פון נויט וואס קומען פון שטערונגען אדער איזולאציע צוליב ראסע אדער אפשטאם, סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער אויסדרוק אדער צוליב HIV סטאטוס. די סיטואציעס זענען זאכן וואס זענען נישט עקאנאמיש, און זיי קענען האבן א השפעה אויף די מעגליכקייט פון אן עלטערער מענטש צו טוהן נארמאלע טאג-טעגליכע אויפגאבן, און די ביל וועט זיכער מאכן אז אזעלכע אומשטענדן זענען אנערקענט צו שיקן דירעקטע סערוויסעס צו שטיצן יעדע מענטשן'ס מעגליכקייט צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"אלץ גאווערנער איז איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער באקומען די זעלבע קעיר און הילף וואס זיי דארפן, אפגעזעהן פון זייער אידענטיטעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז דא א דראסטישע אומגלייכקייט אין פיזישע און גייסטישע קעיר פאר עלטערע מענטשן אין די LGBTQ קאמיוניטי, און די ביל איז א וויכטיגע טריט צו אדרעסירן די אומגלייכקייטן בשעת'ן העלפן זיכער מאכן אז עלטערע LGBTQ ניו יארקער באקומען די זעלבע רעספעקט און שטיצע ווי יעדער איינער אין די סטעיט."

אזוי ווי עס איז יעצט, פארלאנגט דער פעדעראלער געזעץ אז סטעיט פלענער צו צושטעלן OAA פראגראמען און סערוויסעס זאלן ציהלן צו אנקומען צו באפעלקערונגען אין געגנטער ארויס פון שטאט, מיט עטליכע דיסאביליטיס, מיט באגרעניצטע ענגליש קענטעניס, מיט אלצהיימער און פארבינדענע קראנקייטן, מענטשן וועלכע זענען אין סכנה צו דארפן געשיקט ווערן צו אן אנשטאלט, מענטשן וועלכע זענען אין די גרעסטע עקאנאמישע נויט און וועלכע זענען אין די גרעסטע געזעלשאפטליכע נויט.

לויט SAGE (Services & Advocacy for Gay, Lesbian, Bisexual & Transgender Elders) [סערוויסעס און שתדלנות פאר עלטערע געיס, לעסביענס, ביסעקסואלן און טראנסדזשענדערס] באקומען עלטערע LGBTQ מענטשן אפט ווייניגער פון טראדיציאנאלע שטיצע און אפגעבונג, האבן אפט

ערגערע פיזישע און גייסטישע געזונטהייט און העכערע ראטעס פון ארימקייט פון אנדערע מענטשן אין ענליכע אומשטענדן וועלכע זענען נישט LGBTQ, און זיי קענען אריינפאלן אין באדייטנדע קולטורישע און געזעלשאפטליכע איזולאציע אלץ רעזולטאט פון לאנגיאריגע ערפארונגען פון דיסקרימינאציע — מציאות'דיג אדער פערזענליך.

דער פעדעראלער OAA פון 1965 רעכנט נישט אויסדרוקליך אריין עלטערע LGBTQ מענטשן אין די אנווייזונגען. לויט די אנווייזונגען אין דעם געזעץ קענען סטעיטס אריינרעכענען עלטערע LGBTQ מענטשן אין זייערע סטעיט פלענער צו צושטעלן OAA פראגראמען און סערוויסעס, און די היינטיגע ביל וועט אריינשרייבן אין געזעץ אריינצורעכענען די אויבנדערמאנטע – ווי אויך עלטערע מענטשן וועלכע לעבן מיט HIV – אלץ באפעלקערונגען וועלכע זענען אין "די גרעסטע געזעלשאפטליכע נויט" אין ניו יארק סטעיט'ס געזעצן פאר עלטערע מענטשן (Elder Law). ניו יארק וועט זיך אנשליסן מיט אנדערע סטעיטס וועלכע אנערקענען שוין די אייגנארטיגע געזעלשאפטליכע באדערפענישן פון די באפעלקערונג, ווי קאליפארניע און אילינוי, און עס וועט זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט שטעלט צו פאר עלטערע LGBTQ מענטשן די סערוויסעס און שטיצע וואס זיי דארפן אזוי ווי זיי פארעלטערן זיך.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן האט געזאגט,** "דער פעדעראלער 'עלטערע אמעריקאנער געזעץ' איז איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען צו צושטעלן פאר אונזערע עלטערע מענטשן וועלכע זענען אין "די גרעסטע געזעלשאפטליכע נויט" די נויטיגע הילפס-מיטלען וועלכע פעהלן זיך אויס צו קענען פירן זייער לעבן בכבוד, און מיר מוזן זיכער מאכן אז ניו יארק פאלגט אויס דעם געזעץ אויף א ברייטן פארנעם. אונזער ביל (S.78A) צוזאמען מיט אסעמבלי מיטגליד בראנסאן מאכט זיכער אז נישט-עקאנאמישע סיטואציעס – ווי פיזישע אדער גייסטישע דיסאביליטיס, שפראך שוועריגקייטן און קולטורישע און געזעלשאפטליכע איזולאציע וועלכע קומען צוליב ראסע און אפשטאם, סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער אויסדרוק אדער צוליב HIV סטאטוס – ווערן גענומען אין באטראכט דורך די סטעיט. א דאנק פאר סענאט מאיאריטעט פירערין סטווארט-קאָזינס פארן ארויפברענגען די ביל צו ווערן געשטימט אויף, און פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן אונזער ביל היינט."

**אסעמבלי מיטגליד הערי ב. בראנסאן האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען מיין קאלעגע סענאטאר האָילמאן און גאווערנער האקול פארן זיכער מאכן אז די וויכטיגע ביל ווערט אריינגעשריבן אינעם געזעץ. דער עלטערע אמעריקאנער געזעץ אפעקטירט יעדן איינעם — עלטערע מענטשן, מענטשן וועלכע העלפן זיי שטיצן און אלע פון אונז וועלכע האפן איין טאג זיך צו פארעלטערן. עס באפעסטיגט אויך א צוזאג צו היטן אויף די רעכט צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט, בכבוד, מאכן טאג-טעגליכע באשלוסן לויט אונזערע פערזענליכע אויסוואהלן און ציהלן דורכאויס אונזער לעבן. די צוזאג איז וויכטיגער פון סיי ווען, און די ביל וועט העלפן ערפילן די צוזאג פאר פיל מער ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418